# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור миллער זצ"ל

וישלח
שנה ב'

כל הזכיות שמורות

## בלייב אין קאנטראל

**"ויקח** עשו את כל קנינו אשר רכש בארץ כנען", און עשו האט גענומען זיין גאנצע אייגנטום וואס ער האט זיך איינגעזאמלט אין ארץ כנען, דאס מיינט ער האט גענומען זיינע ווייבער און קינדער, זיינע שאף און רינדער און פארמעגן, "וילך אל ארץ מפני יעקב אחיו" - און ער איז געגאנגען צו א צווייטן לאנד צוליב זיין ברודער יעקב (בראשית לו, ו). עשו האט זיך צאמגעפאקט און אריבער דעם ירדן און זיך באזעצט אין וואס איז היינט טראנס־ירדן. מפני יעקב אחיו, ווייל ער האט געוואלט זיין ווי ווייטער פון זיין ברודער יעקב.

דער מדרש (בראשית רבה א, ד) זאגט אויף עשו'ס טאט אין יענעם טאג, "נסו ואין רדף שר רשע" (משלי כח, א) - דער רשע לויפט אוועק אפילו ווען קיינער לאקערט נישט נאך אים. דאס מיינט אז ער גייט אריין אין א פאניק אפילו ווען ער איז נישט אין א סכנה. דער מדרש זאגט אז עשו איז נישט געווען אין א סכנה, וואו איז ער געלאפן?! פארוואס זאל איינער וועלן איבערלאזן זיין פאמיליע'ס טעריטאריע? איבערהויפט אין יענע צייטן, ווען יעדער איז געבליבן אין דער ראם פון זיין שבט פאר שטענדיג. וואס איז געווען די עמערדשענסי וואס האט געטריבן עשו צו פארלאזן זיין פלאץ?

### א געוואלדיגע אנטוישונג

**וואס** איז געשען? עשו איז געווארן שטארק דערשלאגן. ער האט געשפירט אז ער האט געליטן איין קלאפ נאכ'ן צווייטן. קודם ווען יעקב האט צוגענומען די ברכות פון אים. אויב מ'וועט פארשטיין וואס דאס האט געמיינט פאר עשו - ער איז געווען זיין טאטענס ליבלינג; "ויאהב יצחק את עשו". און יעצט ווען ס'איז געקומען די צייט צו ווערן געבענטשט האט דער ברודער יעקב באקומען די ברכות אנשטאט אים. און דער טאטע האט געזאגט אז ער האט שוין פארשפעטיגט - "גם ברוך יהיה", יעקב גייט זיין געבענטשט.

מיינט נישט אז ס'איז געווען א קלייניגקייט. עשו האט געוואוסט אז זיין טאטע איז א נביא און ווען ס'האט זיך אויסגעשטעלט אז יעקב האט באקומען די ברכות אנשטאט

בעריכה מיוחדת גליונות לשבת קודש

אים איז ער געווארן זייער געטראפן דערפון; ער איז געווען צעבראכן און אנטוישט. "ויצעק צעקה גדולה ומרה" (כז, לד) - און ער האט אויסגעשריגן א גרויסע און ביטערע געשריי. ער האט נישט געוואוסט וואס צו טון מיט זיך. ער איז געווארן אזוי אויסער זיך אז מען האט געקענט ערווארטן ער זאל טון סיי וואס. דערפאר האט יעקב געמוזט גיין קיין פדן ארם אויסצואווארטן זיין ברודער'ס צארן. דאס איז געווען דער ערשטער דורכפאל פון עשו.

און דערנאך האט עשו אנגעהויבן צו הערן פון די קאראוואנען וועלכע זענען געפארן צווישן פדן ארם און ארץ כנען אז זיין ברודער איז זייער מצליח; ער ווערט אויסטערליש רייך דארט. אין צוגאב דערצו האט ער נאכגעהערט אז ער האט נישט נאר איין ווייב נאר... פיר! ער פארמערט זיך אויף אן אויסטערלישע פארנעם מיט נאך און נאך קינדער.

יעצט ווען ער האט געהערט אז יעקב קומט צוריק קיין ארץ כנען איז ער נישט געווען אזוי צופרידן צו האבן זיין קאנקורענץ אין זיין געגנווארט; דערפאר איז ער אים קעגן געקומען באגריסן מיט 400 באפאנצערטע לייט. מען דארף פארשטיין אז ווען איינער קומט אויפנעמען א גאסט מיט 400 באפאנצערטע לייט איז דאס נישט סתם אויף צו זאגן "העלא", עשו האט געמיינט דא ערנסטע ביזנעס. ער האט געוואלט ארויסגעבן זיין ביטער הארץ אויף זיין ברודער'ס משפחה.

אבער יעקב האט מצליח געווען זיך ארויסצודרייען פון עשו'ס פויסט דורך האנדלען מיט אים אויף א דיפלאמאטישן אופן. די גאנצע מעשה ווערט נאכדערציילט אינעם חומש ווי אזוי יעקב האט געשיקט מתנות פון פאראויס און ווי אזוי זיינע שלוחים האבן זיך אראפגעבויגן צו עשו און גערעדט צו אים מיט גרויס דרך ארץ. און צוביסלעך איז דאס פייער פון עשו איינגעשרומפן געווארן. צום סוף ווען זיי האבן זיך באגעגנט האט עשו זיך נישט געקענט צוריקהאלטן און איז געפאלן אויף יעקב'ס האלז אים צו קושן.

יעצט האט זיך עשו איבערצייגט אז זיינע פלענער צו ווערן אויפ'ן זעלבן דרגה ווי יעקב לאזט זיך אויס... יעקב'ס כיטרישקייט האט אים געהאלפן אויך דאס איבערצוקומען, און עשו האט נישט געוואוסט וואס צו טון מיט זיך פאר גרויס אויפרעגונג און צעמישעניש. "איך קען נישט קוקן אויף אים", האט ער געשוימט פאר כעס, "איך וויל נישט זען זיין פנים אין זיין הצלחה!" דאס מיינט דער פסוק, מפני יעקב אחיו", ער האט נישט געקענט סובל זיין צו זען דאס פנים פון זיין ברודער.

## עשו'ס טעות

**מיר** פארשטייען אז עשו האט געמאכט טעותים אין לעבן. איינע פון זיינע ערשטע טעותים איז געווען אז ער איז נישט געזעסן אין זיין פאטער'ס געצעלט אזויפיל ווי יעקב איז געזעסן. יעקב איז געווען נאנט צו זיינע עלטערן און געלערנט פון זיי טאג טעגליך. אבער עשו האט געטראכט אז ער קען זיך באגיין אן זיי... ער איז געווען אן איש שדה, איינער וואס פאנגט חיות, אזוי האט ער פארלוירן אסך אין זיין לעבן. אזוי ווי

דאס קינד וואס שפילט זיך אינדרויסן אין גאס מיט זיין חבר אנשטאט צו חזר׳ן די גמרא.

עשו האט געמאכט נאך טעותים. ער האט נישט אכטונג געגעבן ווען ער האט גענומען ווייבער, ער האט נאר געקוקט אויף די דרויסענדיגע, און זיינע ווייבער האבן געהאט א שלעכטע השפעה אויף אים.

פון אלע טעותים וואס עשו האט זיך אנגעווערטשאפט אין זיין לעבן איז געווען דאס ערגסטע אז ער האט מחליט געווען צו פארלאזן זיין וואוינארט.

ס׳איז געווען א טראגעדיע פאר אים. אויב עשו וואלט ווען געבליבן, אפילו ער וואלט געווען צווייטער קלאס נאך זיין ברודער. אמת, ער האט געמאכט א טעות און פארקויפט די בכורה איז עס אבער נאכנישט עק וועלט. דערפאר דארף ער זיך אפטיילן פון דער משפחה?!

עשו וואלט ווען געקענט בלייבן מיט זיין ברודער אין ארץ כנען, קיינער וואלט אים נישט פארטריבן, ער איז דאך געווען א ריכטיגער איד; א זון פון יצחק און רבקה. ער איז זיכער געווען גע׳מל׳עט. און איך גלייב אז יצחק האט נאך אנגעיאגט אויף עפעס אן אופן צו לערנען מיט עשו פאר ער איז ארויסגעלאפן אין די וועלדער. עשו איז זיכער נישט ארויס פאנגען חיות א טאג נאכדעם וואס ער איז געבוירן. עשו וואלט ווען רוהיג געקענט בלייבן מיט יצחק און זיין ברודער יעקב און ער וואלט געווען א חלק פון עם ישראל.

דערמאנטס ענק נאר וואס משה רבינו האט געזאגט, ״לכה אתנו״, קום מיט מיר, ״והיה הטוב ההוא אשר ייטיב השם עמנו והטבנו לך״ - און עס וועט זיין פונעם גוטס וואס דער באשעפער וועט אונז באגיטיגן, וועלן מיר דיך באגיטיגן (במדבר י, לב). ״קיני״ דאס איז די משפחה פון יתרו וועלכע האבן זיך אנגעשלאסן אין כלל ישראל און גענומען א חלק אין אלע פרייליכע געשעענישן וואס איז פארגעקומען צווישן עם ישראל. א טייל פון זיי זענען אפילו געווארן זייער גרויס. ״מבני בניו של יתרו ישבו בלשכת הגזית״ - פון די אייניקלעך פון יתרו זענען געווען וואס זענען געזעסן אינעם לשכת הגזית (סוטה יא.), זיי זענען ארגינעל געווען אין מדבר און זיך מגייר געווען.

אויב יתרו׳ס קינדער זענען אזוי גרויס געווארן וואלטן עשו׳ס קינדער זיכער געקענט דאס דערגרייכן. נאך אלעם זענען זיי נישט געווען קיין פרעמדע; זיי האבן באלאנגט צו דער משפחה - פון די זעלבע עלטערן. שפעטער אין לעבן וואלטן זיי זיך געקענט העלפן איינער דעם אנדערן. זיי וואלטן ווען געקענט בלייבן אין ארץ כנען און צוזאמען אנפילן דאס לאנד. זיי וואלטן געשטאנען ביים הר סיני און געזעסן אין סנהדרין האנט ביי האנט מיט די אידן אזוי ווי קיני האט געטון, ווער ווייסט וואס ס׳וואלט ווען געקענט זיין...

עשו האט פארלוירן א געוואלד ווען ער האט געמאכט דעם טעות און איז אנטלאפן. דעריבער זאגן חז״ל, ״נסו ואין רדף רשע״, דער רשע לויפט ווען ער דארף נישט. וואס איז

דער געלויף? בלייב מיט דיין משפחה וואו די שכינה רוט. איז נישט בעסער צו זיין צווייטער קלאס ביי דיין הייליגער משפחה ווי דער פירער איינער אליין?

## עשו פארענט־פערט זיך

**עשו** איז געווען צו שטארק איבערגענומען פון זיינע געפילן. ער האט געשפירט אז ער קען מער נישט פארבלייבן דארט. פארשטייט זיך אז ער האט געהאט פיינע תירוצים דערויף, "ולא יכלה ארץ מגוריהם לשאת אתם", דאס לאנד איז נישט גענוג גרויס פאר ביידן פון אונז. איר פארשטייט דאס? ארץ כנען איז נישט גענוג גרויס? ארץ ישראל איז בכלל נישט אזוי קליין...

אזוי איז געשען אז "וילך אל ארץ", עשו איז געגאנגען צו אן אנדער לאנד, "מפני יעקב אחיו", נאר צוליב זיין ברודער, ס'שטייט נישט אז ער איז געגאנגען צו א געוויסע לאנד. ס'שטייט "ער איז געגאנגען צו א לאנד". סיי וועלכע לאנד איז גוט פאר אים, אבי נישט צו זען דאס פנים פון זיין ברודער. ס'האט אים נישט געארט איבערצולאזן אלעס פאר יעקב אפילו ארץ כנען אבי זיך צו דערווייטערן פון יעקב. אזוי האט ער אלעס פארלוירן.

דאס איז געווען א גרויסער פארלוסט וואס האט פאסירט ווען עשו האט פארלוירן זיין מנוחת הנפש, ער האט געפאלגט זיין יצר הרע, דאס איז דער גרעסטער יצר הרע. נסו - ווען דו פארלירסט דיין מנוחת הנפש, ואין רדף - און קיינער רודפ'ט דיך נישט, רשע - ביסטו א רשע.

## וואס איז א רשע?

**וועט** איר זאגן, "א רשע?! וואס האט דען עשו געקענט טון? ער איז געווען שטארק אויפגערעגט און צערודערט! איז דאס נישט איבערגעטריבן ווען מ'רופט אים "רשע"? ניין, ווייל צו ווערן צערודערט דורך געשעענישן ארום דיר איז אויך א רשעות, דאס איז וואס דאס ווארט "רשע" מיינט.

דאס ווארט רשע איז די זעלבע אותיות ווי "רעש" וואס מיינט גערודער. רעש גדול מיינט א גרויסער גערודער, א שטערונג. א רשע איז שטענדיג אין א רעש, ער איז קיינמאל נישט רואיג.

איר וואלט געקענט מיינען אז א רשע איז דער וואס בארויבט אנדערע מענטשן און הרג'עט. ניין, מיר רעדן דא פון מענטשן וואס פארלירן זייער ישוב הדעת, דאס איז וואס א רשע איז. דאס זאגט דער פסוק (ישעיהו נז, כ) "והרשעים כים נגרש" - און די רשעים זענען צעטריבן ווי א ים. כוואליעס פון א ים זענען קיינמאל נישט רואיג, "כי השקט לא יוכל" - ווייל זיי קענען נישט זיין שטיל. אויב עשו וואלט ווען נישט געווען א רשע ווער ווייסט אויב אונזער גאנצע געשיכטע וואלט זיך אנדערש אויסגעשטעלט. אפשר וואלטן יעקב און עשו געווען ווי משה און אהרן. האט דען אהרן געזאגט: "מיין יונגערער ברודער נעמט מיך איבער, איך לאז אפ די גאנצע זאך, איך בין אויפגערעגט..." ניין, ער איז נאכגעגאנגען זיין ברודער און דערפאר האט ער זוכה געווען צו דער כהונה. אהרן טרעפט מען כסדר דערמאנט אין דער תורה. מיינט נישט

אז ס׳איז אים געווען גרינג מותר צו זיין פאר זיין יונגערן ברודער, משה׳לע! אבער ער איז נישט געווארן איבערגענומען. אהרן איז געווען אן איש מנוחה, צוליב דעם האט ער מצליח געווען אין לעבן, עשו וואלט געקענט טון די זעלבע זאך אויב ער וואלט זיך נישט פארלוירן, אבער ער האט געמאכט זיין גרעסטן טעות אין לעבן.

## חלק ב׳: שטערונגען אין לעבן

**ווען** דער חובת הלבבות רעדט איבער זאכן ווי אזוי אויספירן אונזער תפקיד אויף דער וועלט אלס עובדי השם, זאגט ער קודם וואס איז דאס וויכטיגסטע פאר דעם, אויב איינער וואלט אייך געפרעגט: ״וואס איז דער וויכטיגסטער באשטאנדטייל פאר עבודת השם?״ וואלטן מיר ווארשיינליך געזאגט, ״צו לערנען און היטן תורה ומצוות, דאס איז נומער איינס״. אבער דער חובת הלבבות זאגט נישט אזוי, ער זאגט אז דאס וויכטיגסטע איז צו האבן ישוב הדעת. אויב איר ווילט קענט איר עס רופן ״בטחון״, דאס איז מער באוואוסט אין אונזער שפראך אבער ס׳איז פון דער זעלבער קוואליטעט. כדי צו קענען זיין א איד - און מ׳קען צולייגן - צו קענען זיין סיי וועלכער בשר ודם מוז מען האבן ישוב הדעת.

דאס איז ווייל דער מח איז דער עיקר וואס מיר ברויכן צו קענען דינען דעם אויבערשטן. מ׳דארף נישט דינען השי״ת בלויז דורך מעשים נאר בעיקר דורך מחשבות; ווען מען פארשטייט און מען טראכט ריכטיגע געדאנקען, דעמאלטס דינט מען דעם באשעפער. ״רחמנא לבא בעי״ - דער באשעפער דארף דאס הארץ. דאס מיינט ער דארף אז אייערע געפילן און געדאנקען זאלן זיין געווענדן צו אים.

דערפאר זאגט דער חובת הלבבות איז דאס וויכטיגסטע צו היטן דעם דעת וואס ברענט אין אייער מח. ס׳איז אן איידעלע ליכט וואס דארף דיקטירן אייערע מעשים. דערפאר זאלט איר אכטונג געבן אז די ליכטיגקייט זאל נישט קלענער ווערן אדער ארויסגיין אז דער יצר הרע זאל נישט קענען צעשטערן אייער ישוב הדעת.

### הדרכה פון קהלת

**אין** קהלת (י, ד) שטייט, ״אם רוח המשל תעלה עליך״ - אויב א געוועלטיגטער רוח וועט ארויפקומען קעגן דיר, דאס מיינט אויב דו ווערסט פלוצלונג אטאקירט דורך אן אומערווארטעטן מצב און דו פאלסט אריין אין א צעמישעניש, וואס זאלסטו טון? ״מקומך אל תנח״ - לאז נישט איבער דיין פלאץ. די ערשטע זאך, גיי נישט אין ערגעץ בלייב שטיין וואו דו ביסט.

דאס איז נומער איינס. טו גארנישט ווען דו ביסט צעמישט ווייל דו ביסט עלול צו טון די נישט ריכטיגע זאך. צומאל קען מען מאכן א טעות אזוי ווי עשו האט געמאכט און מען קען שוין מער נישט צוריקדרייען דאס רעדל.

אין א מאמענט פון בהלה און פאניק לויף נישט אוועק, גיי נאר צום בית הכנסת און בלייב דארט, גיי אין ישיבה, בלייב מיט דיין משפחה, בלייב אן ערליכער איד, וועסט זען אז צום סוף וועט די צעמישעניש זיך איינשטילן און אלעס וועט צוריקגיין אין פלאץ.

כ׳וועל ענק דערציילן א מעשה שהיה פון א איד וואס האט געוואוינט צוזאמען מיט זיין שווער און שוויגער. דער שווער איז געווען א גרויסער למדן און דער איידעם איז געווען א ישיבה־מאן אבער נישט אזא למדן ווי דער שווער וועלכער פלעגט אים כסדר קריטיקירן. וואס אימער דער איידעם האט געטון האט דער שווער אים אויפגעוויזן ווי נישט גערעכט ער איז. איין טאג האט ער געפלאצט. ער האט גע׳פסק׳נט עפעס פאר זיין ווייב און דער שווער האט זיך ארייגעמישט זיין נאז אויסרופנדיג אז דער האט נישט ריכטיג געזאגט. דער איידעם וואס איז שוין געווען איבערגעזעטיגט פון דער באהאנדלונג האט זיך פארלוירן און פארלאזט דאס הויז. ער האט זיך ארויפגעכאפט אויף א פליגער און פארלאזט דאס לאנד - ווילך אל ארץ, ער איז געגאנגען צו אן אנדער לאנד צוליב זיין שווער.

לאמיר זאגן אז ער האט געלאנדעט אין פאריז, אפשר האט ער אפילו משפחה דארט. וואס זאל ער יעצט טון? אוודאי וואלט געווען ריכטיג ער זאל נעמען דעם קומענדיגן פליגער צוריק. ער וואלט אנגעקלונגען זיין ווייב, זי וואלט געפרעגט, "וואו ביסטו געווען נעכטן נאכט?" - "כ׳האב געהאט וויכטיגע ביזנעס צו ערלעדיגן" וואלט ער געענטפערט און ער וואלט צוריק אהיים. אבער זיין נארישקייט האט אים דיקטירט און ער האט נישט אזוי געטון.

אפאר טעג שפעטער ווען ער האט זיך אויסגעטשוכעט איז ער שוין געווען אויף געהאקטע צרות. ווען ער האט אנגעקלונגען זיין ווייב האט זי אים געפרעגט, "וואו ביסטו?!" - "אין פאריז" האט ער געענטפערט. אזוי האט ער זיך פארפלאנטערט אין א קריגערייי וואס האט אים אומגליקליך געמאכט. ער האט פארלוירן זיין ווייב און קינדער. אויב וואלט ער געקומען צו אונזער שיעור, וואלט ער געוואוסט. אויפ׳ן וועג צום לופטפעלד וואלט ער זיך געכאפט, "איך גיי צוריק אהיים!" אפשר וואלט ער ערשט אהיים דעם אנדערן טאג אבער ס׳איז נאכאלץ בעסער ווי צו רואינירן דאס לעבן.

מקומך אל תנח - פארלאז נישט דיין פלאץ ווען דער יצר הרע וויל דיך אויפרעגן. און אויב איר זענט יא אוועקגעגאנגען זאלט איר זיך נישט שעמען זיך צוריקצוקערן.

## ווערט נישט איבערגענומען

**אויב** איר האט געטון אן עבירה, פארשטייט זיך אז אן עבירה איז זייער א גרויסער שאדן, אבער ווערט נישט פארלוירן. צומאל ווען א מענטש פאלט דורך מיינט ער אז ס׳איז שוין פארפאלן - ער גיט אויף.

שלמה המלך זאגט פאר אזא מענטש, "אל תרשע הרבה" - ווער נישט א גרויסער רשע (קהלת ז, יז). א גרויסער רשע נישט, אבער וואס איז מיט א קליינעם רשע? צומאל ווען א מענטש

איז א ״קליינער״ רשע גיט ער שנעל אויף, און ער ווערט שנעל א גרויסער רשע. א קליינער רשע איז פונקט געגנוג שלעכט, שטעלט דיך אפ - גיי נישט ווייטער, מקומך אל תנח, בלייב אויף דיין פלאץ - ווער נישט ערגער. אפילו אויב דו וועסט נישט ווערן בעסער בלייב דארט וואו דו ביסט. און דערנאך פארוואס זאלסטו נישט טראכטן פון תשובה טון?!

נישט קיין חילוק וואס ס׳גייט אריבער אויף דיר, האלט אן דיין סדר היום, שטיי אויף אינדערפרי, גיי צו ישיבה, צו דער ארבעט. קיינמאל זאלסטו נישט זאגן, ״איך בין צו אויפגערעגט, איך גיי נישט היינט צו דער ארבעט״, חס ושלום, ווייל איינמאל דו טוסט דאס קען שוין נאך שטערונגען אונטערקומען. אפשר אנשטאט ארבעט וועסטו גיין צו א צדיק פאר א ברכה אבער אפשר נישט. ווער ווייסט אויב וועסט נישט אריינפאלן אין אנדערע נישט גוטע פלעצער.

### האלט זיך רואיג

**האסט** געהאט א סיכסוך מיט דיין בעל הבית. תיכף ומיד זאג אים אז דו האסט געמאכט א טעות. בעט אנטשולדיגונג. קען זיין ער וועט עס אננעמען און קען זיין אז נישט, וואס ס׳איז, מאך נישט קיין רעש, קענסט אלעמאל פאררעכטן און צוריקדרייען דאס רעדל אויב דו האלסט אן דיין מנוחת הנפש. אבער דורך פארלאזן דאס פלאץ קענסטו זיך אנמאכן געפערליכע צרות.

איך ווייס פון א מענטש וואס האט נישט געוואלט רעדן צו זיין מחותן, אבער זיין מחותן האט זיך בכלל נישט צוטון געמאכט. ער פלעגט יעדן פורים קומען ברענגען משלוח מנות פאר אים. אזוי דארף צו זיין. דו טו דיינס אפגעזען וואס דער צווייטער צד טוט.

### דעם פויגל מיט׳ן שלאנג

**ס׳איז** דא א געוויסער שלאנג אין דרום אמעריקע וואס שפייזט זיך אויף פייגלען אבער ווי אזוי קען ער איר דערגרייכן אויב ער קען נישט פליען? וואס טוט ער? ער ווארט ביז א פויגל קומט זיך אפרוען אויף א צווייג. דער שלאנג דערנענטערט זיך און עפענט זיין מויל ברייט. אויב די פויגל וואלט נישט אראפגעקוקט וואלט גארנישט פאסירט צו איר. אויב די פויגל וואלט דא געוועזן היינט נאכט צו הערן די לעקציע וואלט זי געוואוסט אז זי דארף נאר אריינווארפן אביסל שמוץ אינעם שלאנג׳ס מויל און פארטיג מיט׳ן עסק. אבער די פויגל, ווי פיל אנדערע יונגע מענטשן וואס ווילן נישט הערן הדרכה, קוקט אראפ אזוי ווי דער יצר הרע האט איר פארגעשלאגן, זי פארלירט איר מנוחת הנפש, זי ווערט וואקלדיג פארלירנדיג איר באלאנס אויף דער צווייג און זי פאלט אריין אינעם שלאנג׳ס פיסק. אויף דעם האט דער שלאנג געווארט.

## חלק ג׳: איבערקומען שטערונגען

### זייט גרייט

**לערן** ספרים, גיי צו שיעורים, טרעניר זיך ווי אזוי צו שטיין גרייט ווען א קריזיס קומט אונטער. ווען דער שלאנג שטייט מיט זיין גרויסן מויל דיך

איינצושלינגען קוק אוועק, דאס וואלט ווען געווען די הצלה פאר דער פויגל.

צוויי שקצים האבן נאכגעשריגן מיט שפעט־נעמען א יונגן בחור׳ל וואס איז פארבייגעגאנגען פארנט פון זייער קאר. דער בחור איז נישט געווען צוגעגרייט, ער האט זיך פארלוירן. ער האט אויפגעהויבן זיין פויסט אויף וואס די שקצים האבן געענטפערט מיט א האמער ר״ל. דער בחור איז ליידער געשעדיגט געווארן אין קאפ, הי״ד.

אויב וואלט דער בחור געניצט זיין דעת מיט מנוחת הנפש וואלט ער נישט געמאכט דעם פאטאלן טעות. דאס בעסטע וואלט געווען ווען ער מאכט זיך נישט וויסנדיג און גייט זיך ווייטער זיין וועג ווי א גולם. זיי וועלן אים רופן מיט שפעט־נעמען פאר פינף מינוט און געענדיגט, אלעס וועט זיין צוריק נארמאל ווי פריער. ווען איינער קומט קעגן דיר שלעכטס צו טון גיי גראד, די בהלה וועט פארבייגיין און דו וועסט קענען עסן מיטאג געשמאק. קענסט בעטן א תפילה אז זייער קאר זאל אריינקראכן אין א שטאנק און צעשמעטערט ווערן אויף פיצלעך אבער מער פון דעם דארפסטו נישט טון. מאך נישט קיין טעותים.

״איזהו חכם הרואה את הנולד״. קוק שטענדיג וואס ס׳וועט ארויסקומען פון דיינע מעשים. א קלוגער מענטש וועט זיך צוגרייטן און אויספלאנירן זאכן נאך איידער עס געשעט, אז ווען ער שטייט פאר א נסיון זאל ער שוין וויסן ווי אזוי צו רעאגירן.

איך בין אמאל געגאנגען אין גאס ווען פיר שקצים זענען מיר קעגנגעקומען און מיר פארשטעלט דעם וועג, אזוי אז איך האב נישט געקענט ווייטער גיין. איך בין אבער געווען צוגעגרייט פון פאראויס. וואס האב איך געטון, איך בין אראפ פונעם סייד־וואלק און זיך געמיטלעך געגאנגען ווייטער מיין וועג. איך האב נישט צוריקגעקוקט צו זיי און נישט ארויסגערעדט א ווארט. ביז א סעקונדע איז דער גאנצער אינצידענט געווען פארביי.

## א מענטש קומט אהיים

**ווען** א מענטש קומט אהיים זאל ער זיין גערישט אויף סיי וועלכן נסיון ס׳וועט אים אונטערקומען. נישט קיין חילוק ווי שווער זיין טאג איז געווען, איז זיין ווייב געווען אינדערהיים מיט די קליינע קינדער. אויב דער מענטש ווייסט נישט פון הרואה את הנולד, ווען ער עפענט זיין טיר און זיין ווייב קומט אים קעגן מיט א זויערער מינע וועט ער צוריקענטפערן און אויפבלאזן א מחלוקה. ניין, טו דאס נישט. גרייט דיך צו איידער דו טרעטסט אריין אין שטוב. נעם זיך פאר אז דו וועסט נאר שמייכלען. אין אנהייב וועט דער עפעקט אנהאלטן נאר פינף מינוט, אקעי, אויך א דערגרייכונג, אבער מיט דער צייט וועט עס אנהאלטן פינף שעה!

דאס זעלבע איז מיט דער פרוי, ווען זי ווייסט אז איר מאן דארף באלד אהיימקומען גרייט זי זיך צו צו זיין רואיג. אפילו זי האט געהאט א שווערן טאג וועט זי האלטן איר ישוב הדעת. זי וועט אויפנעמען איר מאן מיט א שלוות הנפש. אויף דעם אופן ארבעטן מאן און ווייב

איינצופלאנצן קערנדלעך, פון שלימות אין זייער נשמה.

## שלמה המלך׳ס הדרכה

**פאַרוואָס** חזר איך איבער די אלע מעשיות? אז אין צייט פון נויט זאל מען זיין גרייט פאר דעם - משלי איז פול מיט ביישפילן פון הדרכה ווי אזוי זיך צו פירן.

"שמע לעצה חכם" - דער וואס הערט צו צו אן עצה איז א חכם (משלי יב, טו), "תורת חכם מקור חיים לסור ממקשי מות" - די לערנונג פון א חכם איז א קוואל פון לעבן זיך אפצוטון פון די נעצן פון טויט (שם יג, יד).

מ׳דערציילט א מעשה אז שלמה המלך האט אמאל געפרעגט, "איז דא איינער וואס קען מיר צושטעלן א רינג וואס איך זאל קענען קוקן דערויף ווען איך ווער צו שטארק איבערגענומען, און עס זאל זיין א סגולה איך זאל צוריקבאקומען מיין גלייכגעוויכט?"

אה, וואלט דאס נישט געווען א גוטע רינגל צו האבן? אויב דער ישוב הדעת ווערט צעשטערט זאלסטו האבן א רינגל דיך צו באשיצן פון זיך פארלירן און טון נארישע זאכן.

ענדליך האט איינער געגעבן פאר שלמה המלך א רינגל איינגעקריצט דריי אותיות "ג.ז.י.", וואס איז די ראשי תיבות "גם זה יעבור", דאס וועט אויך אריבערגיין. איך האב אמאל געהערט דערפון ביי א דרשה און איינער פון די צוהערערס האט מיר געמאכט אזא גאלדענעם רינג. איך האב עס נאך ביי מיר!

## גם זה יעבור

**אלעס** גייט פארביי! ס׳איז נישט אזוי געפערליך, ס׳איז נישט אזוי גרויס. ווער נישט איבערגענומען אפילו דו האסט מצליח געווען, אויך נישט ווען דו האסט געמאכט דיין ערשטע מיליאן אדער דיין ערשטע ביליאן ווער נישט איבערגעוועלטיגט. אדער ח״ו פארקערט אויב דו ביסט געווארן פארשעמט ברבים אדער געליטן א פארלוסט - גם זה יעבור, די וועלט גייט ווייטער אן. ס׳דויערט נישט צו לאנג און מען באקומט צוריק דאס גלייכגעוויכט - אלעס גייט צוריק אין פלאץ.

אבער אויב דו וועסט נעמען שריט בשעת א צעמישעניש קענסטו זיך באנארישן און דו וועסט עס קיינמאל נישט פארגעסן.

א מענטש פון קאנאדע האט מיר געקלונגען נאכאמאל און נאכאמאל אז ער וויל זיך נעמען דאס לעבן... "וואס איז די יאגעניש?" האב איך אים געפרעגט. "קענסט עס איבערלאזן אויף די קומעדיגער וואך!"

א פארפאלק איז געקומען צו מיר אז זיי ווילן זיך צעשיידן. "נישט יעצט", האב איך זיי אפגעשטופט, "מ׳קען נעקסטע וואך אויך זיך גט׳ן". קען זיין אז ביז נעקסטע וואך וועט אלעס זיין צוריק אין ארדענונג, גם זה יעבור.

נישט קיין חילוק וואס ס׳קומט פאר מיט דיר, שטעל זיך פאר ווי דו האסט דאס רינגל פון שלמה המלך - גם זה יעבור. שלאף איבער דעם קריזיס. קען זיין אז ביז מארגן וועסטו פארגעסן דערפון און אויב נישט דעמאלטס עטליכע ״מארגנס״, שפעטער וועלן זיך זאכן טוישן.

**געזונטער פחד**

**ס׳שטייט**, ״פחדו בציון חטאים״ - עס ציטערן אין ציון די זינדיגע (ישעיהו לג, יד). די גמרא זאגט (ברכות ס.) אז אויב דו האסט מורא איז א סימן אז דו ביסט א זינדיגער. דאס דארף א הסבר ווייל די וואס לערנען פרק הנזיקין אין מסכת גיטין (נה:) ווייסן ״אשרי אדם מפחד תמיד״ - וואויל איז פאר׳ן מענטש וואס האט שטענדיג מורא. ״פחד״ און ״מפחד״ זענען די זעלבע ווערטער, אויף איין פלאץ שטייט אז ס׳איז גוט מורא צו האבן און אויף א צווייטן פלאץ שטייט אז דו ביסט א זינדיגער אויב דו האסט מורא.

מ׳קען פארענטפערן אז ס׳ווענדט זיך וואס. אויב דו האסט מורא זיך צו באנארישן וועסטו נישט אריבערגיין די גאס נאר ווען ס׳קומען נישט קיין קארס, אפשר וועסטו אויסווארטן ביז דער לאמפ טוישט זיך. ס׳לוינט זיך מורא צו האבן פון א סכנה, לאז נישט די טיר אפן, גיב אכטונג די קינדער זאלן זיך נישט אנלאנען אויפ׳ן פענסטער, האלט אן אויג אויף די חנוכה ליכט.

און אויב דו האסט מורא צו זינדיגן - אשריכם. עבירות זענען אויך א סכנה! ״הוי בורח מן העבירה כבורח מן האש״ - זאלסט אנטלויפן פון אן עבירה ווי מען אנטלויפט פון פייער. ווען ס׳ברעכט אויס א פייער וועסטו אנטלויפן דערפון מיילן ווייט, אזוי זאלסטו אנטלויפן ווייט פון אן עבירה. דאס מיינט אשרי אדם מפחד תמיד.

ליינט די גליון יעדע וואך אין די קונטרס
״גליונות לשבת קודש״
מיט נאך צענדליגע הערליכע גליונות
על פרשת השבוע
וסיפורי מעשיות




אבער פחדו בציון חטאים, די וואס זינדיגן ווען זיי האבן מורא מיינט ווען מען פארלירט דעם קאפ. פאל נישט אריין אין אן היסטעריע אז דו וועסט צוקומען צו נעמען איבערגעאיילטע שריט. דאס איז א חטא. השי״ת וויל אז דו זאלסט שטענדיג ניצן דיין שכל וואס ער האט דיר געגעבן. אויב דו פארלירסט דעם ממשלת השכל ביסטו א חוטא קעגן אויבערשטן. דערפאר ״כל הכועס כאילו עובד עבודה זרה״ (שבת קה:). ווייל דו דארפסט שטענדיג זיך פרעגן: ״וואס

וויל דער באשעפער פון מיר יעצט? וואס איז מיין פליכט?" אבער ווען דו ביסט אויפגערעגט טראכסטו מער נישט פונעם איבערשטן ממילא דינסטו עבודה זרה. אפילו אויב דו ביסט נאר היסטעריש און נישט אויפגערעגט ביסטו אויך נישט אן עובד השם. נאר אן עובד עבודה זרה.

ס'איז געווען א מענטש וואס פלעגט קומען צו מיינע שיעורים, ער האט זיך איינגעהערט צו די טעיפס און יעצט איז ער א משומד ר"ל, ער האט זיך געטויפט. ווי אזוי איז דאס געשען?

פארשטייט זיך אז ער האט אן אומסטאבילן מח, אבער ער אליין האט נישט גע'חלומ'ט אז ער וועט פאלן אזוי ווייט. ס'האט זיך אלעס אנגעהויבן ווען ער האט געארבעט פאר א ישיבה, ער האט געהאט א סכסוך מיט'ן ראש ישיבה וויפיל מען איז אים שולדיג. ווען די ישיבה האט נישט געקענט נאכקומען זיין פארלאנג איז ער געווארן אזוי אויפגעברויזט פון דעם אינצידענט אז ער איז געווארן נישט נאר א שונא פונעם ראש ישיבה נאר פון אלע פרומע אידן. און אזוי איז ער געווארן אן עובד עבודה זרה וואס איז אנטלאפן פון די אידן אזוי ווי עשו.

## וואס קומט ארויס

**דער** ערשטער באשטאנדטייל צו ווערן אן עובד השם איז צו זיין א איש מנוחה, א מענטש וואס האלט זיך שטענדיג רואיג. א מענטשנ'ס שכל מוז זיין אונטער קאנטראל. עשו האט פארגעסן דערפון האט ער אלעס אנגעווארן. וואו איז אדום היינט־צוטאגס? ס'דא ארכעאלאגישע איבערבלייבענישן. אויב דו וועסט באקומען רשות פונעם ירדנ'ער קעניג קענסטו אהינפארן מיט א קעמל און זען די חורבות פון פטרא. ס'איז אינטערעסאנט צו קוקן דערויף אבער וואו זענען די מענטשן? זיי זענען א פארגאנגענהייט.

און אונז, די דורות פון איש תם דער ברודער דער אויסגעצייכנטן כאראקטער זענען דא צו דערציילן די מעשה, יעקב'ס קינדער זענען נאך דא ווייל מיר פארלירן נישט אונזער שלוות הנפש. מיר מאכן דורך דאס לאנגע לעבן מיט רואיגקייט, מיט שכל. ס'זעט אויס אז מיר זענען שוין דא פאר א לאנגער צייט, אזוי ווי ישעיהו הנביא זאגט: מיר זענען אן "עם עולם"!


בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת אדער ווען איר נויטיגט זיך אין א **ישועה**

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן**

**צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט: 845-213-7571**
**פאר וויליאמסבורג רופט: 929-236-6802**

# שאלות ותשובות מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה:

**יעקב אבינו האט זיך אן עצה געגעבן מיט עשו דורך אים אונטערקויפן מיט מתנות. פארוואס האט מען אין די צייטן פון אחשורוש נישט געקענט טון די זעלבע השתדלות פון שוחד?**

## תשובה:

אחשורוש איז געווען אזוי רייך אז מען האט אים נישט געקענט אונטערקויפן. המן האט אים געאפערט עשרת אלפים ככר כסף, צען טויזענט זילבערנע שטיק, יעדע שטיק איז געוון א גרויסע מאס זילבער - צען טויזענט שווערע שטיקער זילבער און אחשורוש האט דאס אים צוריקגעוויזן, הכסף נתון לך - דו נעם עס. מען האט נישט געקענט אונטערקויפן אחשורוש, ער איז געווען צו רייך!

**דעמאלטס פארוואס האט מען נישט גענומען דעם לעקציע פון יעקב צו אנטלויפן צו אן אנדערע לאנד?**

אין אמאליגע צייטן האט מען זיך נישט געקענט באוועגן אזוי גרינג פון איין לאנד צום צווייטן אזוי ווי היינט. יעדע לאנד האט זיך געהאט זיין אייגענע געוועלטיגער.

היינט אין אמעריקע איז עטוואס גרינגער. דו דארפסט נאר נעמען א קאר און פארן אבער דעמאלטס האט מען נישט סתם אזוי געקענט אנטלויפן. זיי זענען געווען אין א פאסטעק אן קיין ווער ארויס.

### נדבת השבוע

נדבת השבוע נתנדב ע"י

הרוצה בעילום שמו

ויה"ר שזכות הרבים יעמוד לו שיזכה לראות רב נחת דקדושה

מכל יוצ"ח ולהתברך בכל מידי דמיטב עבה"ג בב"א